**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:46
מוצאי שב"ק...................9:18


**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב ח'-ט'
בבלי.......................יבמות ס"ח
ירושלמי..........בבא בתרא ל"ב
תוספתא..........כלים מציעא ה'
רמב"ם.........טומאת אוכלים ה'

# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת אמור, י"ג אייר, אבות פרק ג', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 37 (552)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו.** וָואס אִיז דִי טָאפְּלְט לָשׁוֹן "אֱמֹר וְאָמַרְתָּ"? זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַזְהִיר גְדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים", דִי גְרוֹיסֶע זָאלְן אָנְוָוארֶענֶען דִי קְלֵיינֶע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ'), פוּן סֵפֶר עֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת, "אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל" (בַּמִּדְבָּר ל"ג, א') אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף "אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל" (שְׁמוֹת ל"ב, ד'), אַלֶע נְסִיעוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוּמְפָארְן דָא אוּן דָארְט, אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף אַ פְּגַם אִין אֱמוּנָה. ווייל וֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים צוּשְׁטֶעלְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרוּמְפָארְן נְסִיעוֹת צוּ שַׁאפְן פַּרְנָסָה אוּן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, עֶר וָואלְט גֶעגְלוֹיבְּט אַז אֲפִילוּ עֶר בְּלַייבְּט אוֹיף זַיין פְּלַאץ, וֶועט עֶר דָארְט אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע גֶעבְרוֹיכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט הָאבְּן עֶר זָאל פָארְן עֶרְגֶעץ אִיךְ צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן וָואס עֶר בְּרוֹיךְ.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער אַ קַשְׁיָא, אַז מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען אַסַאךְ אַרוּמְגֶעפָארְן אִיבֶּער שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן דָאךְ יָא גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה, פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט אַרוּמְפָארְן?

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דִי צַדִיקִים זֶענֶען אַרוּמְגֶעפָארְן טַאקֶע פַאר דֶעם צְוֶועק, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיבֶּעראַל וואו זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה מִיט אִידְן, זֵיי הָאבְּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעפָארְן מְתַקֵּן צוּ זַיין דִי פְּגַם אִין אֱמוּנָה, אָבֶּער נִישְׁט פוּן זֵיי אַלֵיין, נָאר פוּן דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן זֵיי צוּ פַארְעֶכְטְן אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵיי דִי קְלָארֶע אוּן הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן אַרוּמְפָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן רֶעדְן צוּ אִידְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמ"ד) וִוי דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינְמָאל אִין אַ מוֹצָאֵי שַׁבָּת זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן עוֹלָם פוּן חֲשׁוּבֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי שְׁטַארק פָארְגֶעהַאלְטְן אִיבֶּער דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מְ'דַארְף פָארְן נְסִיעוֹת וֶועגְן דֶעם, צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז וֶוען מְ'רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֱמוּנָה, קֶענֶען דִי וֶוערְטֶער גֵיין פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ צוּם צְוֵוייטְן בִּיז עֶס קוּמְט אָן צוּם רִיכְטִיגְן אַדְרֶעס, צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִתְעוֹרֵר וֶוערְן פוּן דֶעם.

אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן טְרַאכְט אַרַיין וִוי אַזוֹי דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אִים אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן אוּן אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן דַארְף עֶר דָאס אוֹיךְ וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז דָאךְ דָא נָאךְ אַזוֹי סַאךְ אִידְן וָואס וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, וָואס קֶענֶען נוּצְן דִי חִיזוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

וֶוען מֶען ווִיל אָבֶּער עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, מוּז מֶען הָאבְּן דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם צַדִיק, רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף יֶעדְן אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, ווַייל יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה אִין זִיךְ, עֶר אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל, עֶר דַארְף נָאר הָאבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל') דֶער צַדִיק אִיז ווִי אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, דֶער הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז וֶוען עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶעדְן קִינְד, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּם שֵׂכֶל פוּן יֶעדְן קִינְד, אוּן פְּרוּבִּירְט יֶעדְן צוּ הֶעלְפְן אוּן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען אוֹיף זַיין וֶועג. אַ מְלַמֵּד וָואס מַאכְט חִילוּקִים צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, עֶר זָאגְט אַז דֶעם קִינְד קֶען עֶר נִישְׁט הֶעלְפְן, יֶענֶעם קִינְד קֶען עֶר נִישְׁט אוֹיפְהוֹיבְּן, הָאט עֶר גֶעפֶעלְשְׁט אִין זַיין אַרְבֶּעט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן זַיין פְלִיכְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק אִיז אַז עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד, רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, אוּן זוּכְן אַ וֶועג אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז, **אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם**, זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַזְהִיר גְדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים", דִי גְרוֹיסֶע זָאלְן אָנְוָוארֶענֶען דִי קְלֵיינֶע, וֶוער אִיז גְרֶעסֶער אוּן עֶרְלִיכֶער, זָאל זֶען מְקָרֵב צוּ זַיין דִי קְלֶענֶערֶע, דִי וָואס זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "לְהַזְהִיר" אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן "אַרַיינְשַׁיינֶען", זֵיי זָאלְן אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה, דִי גֶעשְׁמַאק פוּן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט צוּ אַז דָאס קוּמְט מִיט אַ תְּנַאי, לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו, מֶען זָאל נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין אוּן אָפְּ'פַּסְל'ן קַיין שׁוּם אִיד, גֶעדֶענְקֶען אַז דִי לִימוּדִים פוּן אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד, סַיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, קֶען מֶען אִים אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן אוֹיפְפְלַאמֶען, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. (תּוֹךְ הַנַּחַל אֱמֹר תש"ס)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לַ"ג בָּעוֹמֶר

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמוֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק". צַדִיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִיק פוּן וואו עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי מֶען אִיז דָארְט, ווַייל וואו דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי ווִי מֶען אִיז בַּיים צִיּוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין, אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אַזוֹי ווִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע. וֶוען דַיין שְׁווֶוער רֶעדְט – זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטִיל, וֶוען זֵיי גֶעבְּן דִיר עֶסְן – זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵיי; דָאס וֶועט מַאכְן עֶנְגֶער קֶשֶׁר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, דַיין ווַייבּ וֶועט וֶוערְן נֶענְטֶער צוּ דִיר וֶוען זִי וֶועט זֶען ווִי דוּ בִּיסְט מְכַבֵּד אִירֶע עֶלְטֶערְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קְדוֹשִׁים תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# נִישְׁט זִיךְ נָאכְלָאזְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן, נָאר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן

יוֹם ה' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, י"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ, בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת אִיז דִי אֵיינֶע וָוארְט: "זִיךְ שְׁטַארְקְן", נִישְׁט זִיךְ נָאכְלָאזְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן, נָאר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אוּנְז, עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַן עֶלְטֶערֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד זַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת. עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין פּוֹילְן אוּן גֶעזוּכְט אַ מִנְיָן מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ דַאוֶונֶען מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטִיבְּל. הֶערְט עֶר דָארְט וִוי אֵיינֶער זָאגְט פַארְ'ן צְוֵוייטְן: "בְּרוּדֶער, בִּיסְט גֶעפַאלְן? הֵייבּ זִיךְ אוֹיף! דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען פַאלְט הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, כִּי נָפַלְתִּי קַמְתִּי"; דִי וֶוערְטֶער הָאט יֶענֶער אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְמָאל, דָאס הָאט פַאר דֶעם אִיד זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד; אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר דָאס זָאגְן: "בִּיסְט גֶעפַאלְן? הֵייבּ זִיךְ אוֹיף!"

**בְּרוּדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַזַא רֶבִּי.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קְדוֹשִׁים תשפ"ב)

# פֶּסַח שֵׁנִי - אִיךְ וִויל אוֹיךְ

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת אִין יֶעדְן מַצָּב. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט "לָמָּה נִגָּרַע?" - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֵוייניגֶער? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסַר הַשֵּׂכֶל פַאר יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן דוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶן אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַּאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָּנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְ'ן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶער מַמָּשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן. הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "ווִי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, "דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסַר הַשֵּׂכֶל, ווִי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') "קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארְרֶעכְטְן" (שָׁם, קי"ב), וַוייל ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אָבֶער גֶעדֶענְקֶן אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִּיק, אַזוֹי ווִי מִיר זֶען אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִּיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָּה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיּוּת אוּן רוּחְנִיּוּת אִינְאֵיינֶעם. עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם. אָבֶער דֶער אֱמֶת זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם, פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקֶנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶונְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶב פֶּסַח שֵׁנִי)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אַזוֹי ווִי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיּוּן.

אַוַדַּאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיּוּן אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִּיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

### אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל

דִי וָואס פָארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן ווִיסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגֶנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָּׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נִשְׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִ"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְּדִים, אַשְׁכְּנַזִּים אוּן סְפַרְדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם. אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זִי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיּוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיּוּן, אוּן פוֹעֶלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

### שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶער אַזוֹי ווִי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹרְ'עֶרְהֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹרְ'עֶרְהֵייט. וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. זֶעט מֶען ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶב לַ"ג בָּעוֹמֶר)

# דִי לֶעבְּנסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קלט)

תקז

נָאךְ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן שְׁטוּב, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שְׁטָאט טְשֶׁערִין, צוּ וֵויילְן דָארְט אוֹיף שַׁבָּת נַחֲמוּ. אִין יֶענֶע צַייט אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער פֵיגָא, אוּן מֶען הָאט דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין טְשֶׁערִין, עֶר אִיז גֶעוֶועןְ דָארְט אוּם שַׁבָּת נַחֲמוּ אוּן גֶעזָאגְט דָארְט אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה, גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א, אוּן נָאךְ שַׁבָּת אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב.

אוֹיפְ'ן וֶועג, אֵיידֶער עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפָארְן אִין שְׁטָאט, הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַז עֶר וֵוייסְט מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן אִיז אַרַיין אִין הוֹיז, הָאט עֶר דָארְט גֶעטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים פוּן נֶעמִירוֹב, עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט שַׁבָּת אִין טְשֶׁערִין, אוּן אִין דִי דִבְרֵי תּוֹרָה הָאט עֶר גֶערֶעדְט אוֹיךְ פוּנֶעם עִנְיָן וָואס מְ'זִיצְט זִיבְּן טֶעג אֲבֵלוּת, וָואס מְ'זִיצְט שִׁבְעָה, וואוּ מֶען קֶען זֶען אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט דִי מִשְׁפָּחָה, זֵיי הָאבְּן אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן קַיין אֲבֵלוּת בִּכְלַל.

תקח

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִין אֱלוּל, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אִים גֶעטְרָאפְן זִיצְן זֵייעֶר עֶרְנְסְט אוּן מִיט גְרוֹיס צַעַר. עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן לֶעבְּן אוּן שְׁטַארְבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "עֶס אִיז דָאךְ בֶּאֱמֶת נִישְׁטָא קַיין חִילּוּק צְווִישְׁן לֶעבְּן אוּן שְׁטַארְבְּן, נָאר מִיט אֵיין אַמָּה, יֶעצְט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ דָא, אוּן דֶערְנָאךְ לִיגְט עֶר דָארְט", וַוייזְנְדִיג מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט צוּם רִיכְטוּנְג פוּנֶעם בֵּית הַחַיִּים, וִוי צוּ זָאגְן אַז אַ צַדִּיק בְּלַייבְּט לֶעבְּן אֲפִילוּ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן, נָאר וָואס אִיז דִי חִילּוּק בַּיי אִים צְווִישְׁן לֶעבְּן אוּן טוֹיט? נָאר אַז קוֹדֶם וואוֹינְט עֶר דָא, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן אִין קֶבֶר אוּן עֶר לֶעבְּט וַוייטֶער דָארְט.

דַאן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דֶער גַאנְצֶער טִיפֶער עִנְיָן וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט בַּיים סוֹף פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה כ"א, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֶעבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן וֶוער עֶס נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט אוֹיךְ אוֹיף אֵייבִּיג, זֶע אִינֶעוֵוייניג דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן.

## שְׁנַת תקס"ה

תקט

רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ה, אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען פוּן אַלֶע שְׁטֶעט צוּ דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (זֶע פְרִיעֶר סִימָן תי"ט).

מִיטְל נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן דְרִיטְן פֶּרֶק פוּן סִפְרָא דִצְנִיעוּתָא (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ'). עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת.

וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער "תִּשְׁעָה תִּיקּוּנִין יַקִּירִין" וְכוּ', הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער "תִּשְׁעָה תִּיקּוּנִין יַקִּירִין" אַסַאךְ מָאל, אוּן יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר גֶעשְׁלֶעפְּט זַיין בָּארְד מִיט כֹּחַ, עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט זַיין בָּארְד מִיט זַיינֶע צְוֵויי הֵיילִיגֶע הֶענְט אוֹיף דִי צְוֵויי זַייטְן פוּן דִי בַּאקְן, אוּן עֶס גֶעשְׁלֶעפְּט מִיט כֹּחַ, עֶר הָאט כִּמְעַט אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין בָּארְד פוּן דִי גְרוֹיסֶע יִרְאָה אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ אָן קַיין גְרֶענִיץ וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעהַאט.

תקי

נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט

<<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## יֶעדֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, פַארְוָואס נָאר מַיין פַאמִילְיֶע אִיז צֶעטֵיילְט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן פוּפְצְן יָאר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ פִיל וִוי קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, קֵיינֶער גֶעבְּט מִיר נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז אֶפְשָׁר וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַן אַנְדֶערֶע פַאמִילְיֶע וָואלְט מַיין לֶעבְּן בֶּעסֶער גֶעוֶוען, יֶעדֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע נָארְמַאלֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיסֶער אִיךְ, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶע'גֶט? אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַ מַאמֶע וָואס זָאל מִיךְ אָפְּוַוארְטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מַיין טָאג אִיז גֶעוֶוען הַיינְט, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים יֶעדְן טָאג וֶוער אִיךְ דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ ווִיל נֶעמֶען דְרַאגְס וַוייל אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן מֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִּיל צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מַיין הַארְץ וֵויינְט, יֶעדֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיסֶער אִיךְ.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס חִיזּוּק?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר כְּסֵדֶר.**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיינְס; וֶוען דַיין הַארְץ וֵויינְט - וֵויינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִיר, דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן דֶער מִזְבֵּחַ - אַלֶע וֵויינֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער פוּן צֶעטֵיילְטֶע עֶלְטֶערְן וָואס וַואלְגֶערְן זִיךְ פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְווֵייטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג, דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה - וֶועסְטוּ נָאךְ אַבִּיסְל טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, וֶועסְט הָאבְּן דַיין לֶעבְּן, דוּ מִיט דַיין וַוייבּ וֶועלְן אִינְאֵיינֶעם בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר פוּן קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעטֵיילְטֶע שְׁטוּבֶּער - וָואס זֵיי מַאכְן מִיט, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקוּמֶען אַ הֶעלְד אִין דַיין לֶעבְּן. קוּק גוּט וֶועסְטוּ זֶען אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג - זֶענֶען אוֹיסְגֶעוָואקְסְן הֶעלְדְן, זֵיי הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן; זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דִי תּוֹרָה - וֶועסְטוּ אוֹיךְ אוֹיסְוַואקְסְן אַ הֶעלְד.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים דַיין וֵוייטָאג, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין גַאנְצֶע הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס גֶעשֶׁעט אִין הִימְל, וָואס פַאר אַ רַעַשׁ, אַ טוּמְל - עֶס גֶעשֶׁעט וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אוּן וֵויינְט צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַלֶע מַלְאָכִים: "אִיךְ ווִיל הֶערְן דִי גֶעבֶּעט, אִיךְ אַלֵיינְס וֶועל אִים הֶעלְפְן".

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא. קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קְדוֹשִׁים תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

פַאר רֶבִּי נָתָן בְּדֶרֶךְ צַחוּת, "אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזָאגְט פַאר פֵייעֶר אוּן פַאר וַואסֶער", וַוייל דָארְט אִין דִי תּוֹרָה רֶעדְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן "דִיבּוּרִים חַמִּים כְּגַחֲלֵי אֵשׁ", אוּן פוּנֶעם עִנְיָן פוּן "פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם" (תְּהִלִּים ק"ה, מ"א), זֶע אִינֶעוֵוייניג.

**תקיא**

אִין דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט אִיבֶּער אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סְפֶּעצִיעֶל וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי תּוֹרָה, זָאגְנְדִיג, "וֶוער עֶס וִויל זַיין אַ אִיד, דָאס הֵייסְט אַז עֶר וִויל גֵיין פוּן אֵיין דַּרְגָּא צוּם צְוֵוייטְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, קֶען עֶר דָאס נִישְׁט טוּן נָאר דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וֶוען מֶען גֶעוִוינְט דִי מִלְחָמָה, וֶוערְט מֶען אַן אִישׁ מִלְחָמָה, וַוייל אֵיידֶער מֶען גֶעוִוינְט דִי מִלְחָמָה, זָאגְט דֶער פָּסוּק (מְלָכִים-א׳ כ׳, י"א) אַל יִתְהַלֵּל חֹגֵר כִּמְפַתֵּחַ, אָבֶּער וֶוען מֶען גֶעוִוינְט דִי מִלְחָמָה, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען אַן אִישׁ מִלְחָמָה".

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן דִי נְשָׁמָה, עֶר הָאט אָנְהוֹיבְּן זָאגְן הוֹיךְ דֶעם שְׁטִיקְל, "יֵשׁ נְשָׁמָה" וְכוּ׳ וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט דָארְט אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה.

[נָאכ'ן עֶנְדִיגְן זָאגְן דִי תּוֹרָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "וָואס אִיר הָאט גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?", הָאט דֶער רֶבִּי אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעזָאגְט, "אִיךְ מֵיין טַאקֶע דָאס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיט דִי שְׁטִיבֶּער, מִיט דִי הַייזֶער". דָאס הֵייסְט אַז עֶר מֵיינְט טַאקֶע בְּפַּשְׁטוּת דָאס לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִידְן פָארְן אַהִין, אַז עֶר וִויל זֵייעֶר אַז יֶעדֶער אִיד וָואס וִויל בֶּאֱמֶת זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זָאל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר הָאט אוֹיף דֶעם אַסַאךְ מְנִיעוּת, זָאל עֶר צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוּת אוּן אַהִינְגֵיין, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר נִצָּחוֹן הַמִּלְחָמָה, וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל].

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# דער ראש ישיבה שליט"א וועט אי"ה ווילן אויף יום טוב שבועות אין קרית ברסלב ליבערטי

די איינוואוינער אין ברסלב ליבערטי נעמען אויף מיט גרויס פרייד די פרייליכע נייעס אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט אויך דאס יאר פראווען דעם יום טוב שבועות הבעל"ט אין שטעטל מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

פילע אנשי שלומינו וואס האבן קיינמאל פארפאסט א שבועות מיט'ן ראש ישיבה ווילן אויך היי יאר נישט אויפגעבן דעם געהויבענעם געשמאקן שיינעם יום טוב מיט'ן ראש ישיבה, און מעלדן זיך איין ביי די איינוואוינער וואס זענען וואויל באקאנט מיט זייער ווארעמע הכנסת אורחים.

וואך איין וואך אויס איז די שטעטל קומען פילע געסט באזוכן דעם שיינעם פלאץ, האלטן מיט א שבת אין קרית ברסלב ליבערטי, און זיי קענען זיך נישט גענוג אפוואונדערן פונעם שיינעם און ריינעם שטעטל, ווי אלע לעבן א פשוטע און פרייליכע לעבן, א לעבן מיט'ן אייבערשטן, א לעבן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן. זיי קוקן צו מיט וואונדער ווי אלע איינוואוינער לעבן מיט אזא שטארקע אחדות, יעדער איז מחזק איינער דעם צווייטן, יעדער העלפט ארויס איינער דעם צווייטן, מ'נוצט אויס די צייט מיט רעדן צום אייבערשטן און מיט לערנען תורה, מיט א שמחה און חיות מיט גרויס געשמאק.

צוליב וואס עס ווערן ערווארטעט א ריזן פלייץ פון פילע אנשי שלומינו פון איבעראל וואס וועלן קומען מיטהאלטן דעם יום טוב אין שטעטל, איז דער ראש ישיבה ארויסגעקומען מיט א רוף צו די איינוואוינער אין קרית ברסלב אז מען זאל נאך מער און נאך ברייטער עפענען די טירן און אריינעמען וויפיל געסט נאר מעגליך אויף יום טוב.

עס האט זיך פארמירט א "וועד האש"ל" אין שטעטל, וואס גיבט זיך אפ מיט אלעם נויטיג צו קענען אויפנעמען די געסט מיט אלע געברויכן, ווי גענוג בעטן, צימערן, עסן, און אזוי ווייטער. מען ארבעט אינאיינעם מיטן בית התבשיל, מיט די הנהלה פון שטעטל, און אזוי ווייטער, צוצושטעלן אלעם וואס פעלט נאר אויס.

אזוי אויך האבן זיי גענומען אויף זיך די אויפגאבע אז אלע אנשי שלומינו וואס ווילן קומען אויף יום טוב, און זוכן אן אכסניא, וועלן זיי בעז"ה צושטעלן פיינע דירות פאר די אלע משפחות. אויב זוכט איר וואו איינצושטיין אין שטעטל אויף יום טוב שבועות, קענט איר רופן משפחת מזרחי **845-774-2426**.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין מקבל צו זיין די הייליגע תורה פון פריש, זיך באנייען און זיך שטארקן צו לערנען און מקיים זיין די הייליגע תורה.

**עליונים ששו ותחתונים עלזו, בקבלת תורה מסיני!**

***

# עירליינס קלערן ווידער צו באנייען זייערע פלייטס קיין אוקריינא

מען האלט נאך קוים חודש אייר, אבער אנשי שלומינו חסידי ברסלב טראכטן שוין פון ראש השנה. ווען מען זעט וואס דער הייליגער רבי שרייבט איבער ראש השנה "יעדער זאל קומען", "קיינער טאר נישט פעלן", "ראש השנה קען איך יעדן פארערכטן, אפילו וועם איך קען נישט פארערכטן א גאנץ יאר", און אזוי ווייטער, טראכט מען נישט קיין צוויי. בפרט ווען מען גדענקט וואס עס טוט זיך ביים בית דין של מעלה אינעם הייליגן טאג ראש השנה, ווען מען שרייבט אפ דעם שיקזאל פון יעדעם איינעם, "מי יחיה... מי בקיצו... מי במים..." איז שוין נישטא קיין קלער איבער בלייבן אינדערהיים. אלע יארן, זייט דעם רבינ'ס פטירה פאר איבער צוויי הונדערט יאר צוריק, האבן זיך ברסלב'ע חסידים מוסר נפש געווען צו מקיים זיין דעם רבי'נס בקשה און געקומען קיין אומאן אויף ראש השנה אין אלע אומשטענדן. יעדעס יאר שטעלט דער סמ"ך מ"ם אונטער שטרויכלונגען מבית ומבחוץ שווער צו מאכן מקיים צו זיין דעם רבינ'ס רצון, אבער די פילע תפילות צום אייבערשטן וואס מען איז מתפלל זענען גובר, און מען קומט איבער אלע מניעות און מען איז זוכה צו זיין ראש השנה אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן.

יעצט אין יאר תשפ"ב האט זיך אנגערוקט די מלחמה צושטאנד אין אוקריינא, טויזנטער אידן זענען אנטלאפן פון לאנד מיט די נשמה אין די הענט איבערלאזנדיג אלע זייערע האב און גוטס. אין אזא צייט פרובירט דער סמ"ך מ"ם צו צעברעכן און מייאש זיין אנשי שלומינו און זיי מאכן טראכטן אז עס איז א שאד אפילו צו פרובירן. אבער דער הייליגער רבי גיבט אונז אריין די חיות און האפענונג, "קיין יאוש איז נישט פארהאן", און אפילו ווי שווער דער צושטאנד איז נאר נישט געווען, האבן אנשי שלומינו ווייטער געדאווענט און געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל נאך יא זוכה זיין אנצוקומען קיין אומאן אויפ'ן קומענדיגן ראש השנה.

יעצט קומט אריין גוטע נייעס אז ווי עס זעט אויס הויבן שוין אן די עירליינס צו טראכטן צוריק צו באנייען פלייטס פון און צו אוקריינא. דער אייראפעאישער עירליין "וויז עיר" האט שוין פאריגע וואך ערלויבט קאסטומערס פאר א קורצע צייט צו רעזערווירן טיקעטס פון לאנדאן קיין קיעוו און לעמבערג אין פלייטס פון חודש יולי למספרם, נאכדעם וואס אלע זיי האבן - ווי אלע עירליינס - סוספענדירט אלע זייערע רייזעס פון און צו אוקריינא זייט דער אנהייב פונעם רוסישן אינוואזיע.

אויך איז דא באריכטן אז די אויבנדערמאנטע עירליין פלאנירט שוין צו עפענען זייערע בוקינגס פון זייערע פלייטס צווישן קיעוו און מילאן (איטאליע), רוים (איטאליע), און לארנאסא (ציפערן-קפריסין) אין די קומענדיגע נאנטע צוקופנט.

לאמיר ווייטער חזר'ן און גדענקען אז נאר דורך תפלה וועט מען קענען פועל'ן אז אלע שטיינער אויפ'ן וועג צום הייליגן רבי'ן זאלן בטל ווערן און צונישט ווערן, יעדער ווערט געבעטן נישט דורך צו לאזן קיין איין טאג פון בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל קענען אנקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, און פועל'ן א זיס ליכטיג יאר.

**קיינער טאר נישט פעלן!**

## כיבוד אב ואם

**די גרויסקייט פון מכבד זיין טאטע און מאמע דאס הארבקייט פון די פארקערטע, און ווי אזוי מען איז זוכה דאס מקיים צו זיין**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עיצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יעקב יאקאבאוויטש** הי"ו

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די געבורט פון א**

**מיידל למזל טוב**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >